ב"ה

# איבערבליק

**פון די הילף וואס מיר שטעלן צו פאר נויטבאדערפנדע און פאר'ן**
**גאנצן ציבור מיט העפליכקייט און רעספעקט זינט תשכ"ו לפ"ק**

אומזיסטע אדער ביליגע מעדיקעל אינשורענס • רעגירונג בענעפיטן • האוזינג
אישוס • לעגאלע ראט • געזונטהייט דעקונג און באדינונגען פאר א שיבה
טובה • הילף מיט שפייזן אייער פאמיליע בדרך כבוד • חינוך מיוחד הילף פאר
אייערע קינדערלעך • ברענגן געזונטהייט אינפארמאציע און נאך פאר'ן ציבור

ספעציעלע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן צו פארשטיין די פארשידענע
הילף מיטלען וואס זענען עוועילעבל פאר א שיבה טובה בעז"ה

און א ספעציעלע סטעף שטייט גרייט צו העלפן קריג איבערלעבער
בעז"ה צו האבן באקוועמע און גליקליכע יארן

**פרילינג תשע"ט**

בס"ד

# סט איבערבליק



- אומזיסטע אדער ביליגע מעדיקעל אינשורענס
- רעגירונג בענעפיטן
- האוזינג אישוס
- לעגאלע ראט
- געזונטהייט דעקונג באדינונגען פאר א שיבה טובה
- צו קענען שפייזן אייער פאמיליע בדרך כבוד
- צו באקומען נויטיגע חינוך מיוחד הילף פאר אייערע קינדערלעך
- ברענגן געזונטהייט אינפארמאציע און נאך פאר'ן ציבור
- ספעציעלע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן צו פארשטיין די פארשידענע הילף מיטלען וואס זענען עוועילעבל פאר א שיבה טובה בעז"ה
- און א ספעציעלע סטעפ שטייט גרייט צו העלפן קריג איבערלעבער בעז"ה צו האבן באקוועמע און גליקליכע יארן




לכבוד תושבי וויליאַמסבורג הי״ו,

אחדשה״ט באה״ר! מיר האָבן ב״ה די זכיה צו סערווירן דעם ציבור שוין פאר איבער א יובל יאָרן, זינט תשכ״ו לפ״ק, מיט רעגירונג בענעפיטן און סערוויסעס צו וואָס מ׳איז באַרעכטיגט, און ב״ה אז אונזערע סערוויסעס האבן זיך גאר שטארק אויסגעברייטערט במשך די לעצטע יארן.

מיר שפורן פאר וויכטיג צו צושטעלן אן איבערבליק פון די סערוויסעס וואס אונזער אפיס שטעלט צו, געוועצליך אומזיסט, און אן זיך דארפן אראפשלעפן צו די רעגירונג אפיסעס, כדי איינוואוינער זאלן וויסן אז זיי קענען בעז״ה לייכטערהייט בענעפיטירן פון די הילף דורך אונזער סטעף.

איבערהויפט שפורן מיר פאר וויכטיג מודיע צו זיין דעם ציבור איבער די הילף וואס אונזער סטעף שטעלט צו אויסצוקלויבן און זיך איינשרייבן אין די ריכטיגע אינשורענסעס - צי ס׳זאל זיין מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאס אדער גאר-ביליגע העלט אינשורענס אונטער׳ן מארקעט-פלעיס עקסטשעינדזש - וואס דאס זענען קאמפליצירטע באשליסן וואס עס איז זייער שווער צו מאכן דעם ריכטיגן אויסוואל.

צום באדויערן, זענען דא אסאך משפחות און ערוואקסענע וואס האבן נישט קיין אינשורענס און האלטן זיך אפ פון גיין צו דאקטוירים פאר קריטישע געזונטהייט באדינונגען, טראץ וואס זיי קענען ווען געניסן פון גאר ביליגע אדער אפילו אומזיסטע אינשורענס. עס פעלט זיי אבער די הילף און אינפארמאציע. אונזער סטעף איז ב״ה געטרעינט און האט שוין ארויסגעהאלפן טויזנטער וויליאמסבורגער

<<<<



איינוואוינער צו מאכן דעם בעסטן אויסוואל.

אויב האט איר נאכנישט קיין אינשורענס אדער איר דארפט סיי וועלכע הילף, מוטיגן מיר אייך אריינצוקומען אין אונזער אפיס עס איבערשמועסן. איר וועט זייער מעגליך ווערן איבערראשט אז אפילו אויב איר פארדינט א געהעריגע וועידזש זענט איר נאך בארעכטיגט צו גאר ביליגע אינשורענס.

*

נאך א הינזיכט וואו עס פעלט זייער וויכטיג אויס געטרייע און ערפארענע הילף, איז ווען מ'קומט נאנט צו די רעטייערמענט, ביי די 65 יאר. מענטשן שטייען דאן אויס קאמפליצירטע באשליסן איבער ווען און ווי אזוי צו נעמען סאשעל סעקיורעטי, מ'דארף אויך האבן זייער אסאך אינפארמאציע איבער מעדיקעיר, וועלכן פלאן אויסצוקלויבן א.ד.ג. אומריכטיגע באשליסן קענען שפעטער קאסטן טייער און קען אויך ברענגען אז מ'זאל נישט קענען גיין צו געוויסע דאקטוירים, מ'זאל נישט קענען געניסן פון וויכטיגע געזונטהייט סערוויסעס, אדער מ'זאל נישט ווערן געדעקט פאר געוויסע מעדיצינען.

אונזער סיניאר סערוויסעס סטעף איז העכסט ערפארן אייך צו עצה'ן איבער די אלע אישוס, בעז"ה צו פארזיכערן א שיבה טובה. אין צוגאב קענען זיי אייך העלפן מיט נאך א רייע הילף מיטלען וואס מיר שטעלן צו פאר עלטערע מענטשן און ספעציעלע הילף און סערוויסעס פאר קריג איבערלעבער.

אין די פאלגנדע בלעטער געבן מיר אייך א קורצן איבערזיכט פון די סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו אין אונזער אפיס. אונזער געטרייע סטעף קוקט ארויס אייך צו באדינען מיט העפליכקייט און רעספעקט.

בכבוד רב,
**הק' משה דוד ניעדערמאַן**
בשם ההנהלה

# ערוואַקסענע און משפחות

די יו.דזשעי.א. העלפט ארויס וויליאמסבורגער משפחות און איינוואוינער מיט א רייע סאשעל סערוויסעס, און אויך זיי צו העלפן זיך בעז"ה צו קענען צוקומען צו שיינע פרנסות און זיך בעז"ה שטעלן אויף די פיס און אליין אויסהאלטן זיך און די משפחה.

די סערוויסעס שליסט אריין פון הילף צו שפייזן די משפחה דורך העלפן אפלייען פאר פוד סטעמפס און דאס צושטעלן עסן פעקלעך און וואוטשערס פאר פסח; הילף פאר משפחות מיט האוזינג אישוס; אינטערווענירן און צושטעלן הילף ווען מ'גייט דורך א קריזיס; אויסקלויבן און אפלייען פאר אומזיסטע אדער ביליגע העלט אינשורענס; קלאסן פאר ערוואקסענע מענטשן צו פארבעסערן זייער וויסנשאפט און קענטעניסן צו קענען באקומען א דזשאב אדער שטייגן אין זייער ארבעטס-פלאץ; פערזענליכע סערוויסעס פאר די וואס ווילן אנהייבן א ביזנעס צו שרייבן א גוטן ביזנעס פלאן און צו באקומען הלוואות.



## מעדיקעיד

אונזער סטעף זענען אפיציעל אויטאריזירט אלס העלט קעיר נעוויגעיטארס, צו העלפן איינוואוינער מיט נידריגע פארדינסטן צו אפלייען און רעסערטיפייען פאר מעדיקעיד געזונטהייט אינשורענס.

מיר זענען באשטעטיגט דירעקט אנצונעמען און אריינגעבן אייערע אפליקאציעס און פארלאנגטע דאקומענטן, ווי אויך קענט איר ביי אונז אריינגעבן אייערע רעסערטיפיקעישאנס פאר מעדיקעיד.

## מארקעט פלעיס אינשורענס

מיר שטייען אויך גרייט אייך צו העלפן אויסקלויבן אן אינשורענס פלאן אונטער'ן מארקעט-פלעיס (דאָס זענען די פלענער וואס די סטעיט שטעלט צו אונטער'ן אפארדעבל קעיר אקט).

אונזער געטרייע און ערפארענע סטעף זענען ספעציעל געטריינט און באשטעטיגט צו העלפן משפחות און ערוואקסענע מענטשן פארשטיין וועלכע העלט אינשורענס פלענער זיי קענען אויסקלויבן, וועלכע פלענער עס לוינט זיך דאס מערסטע פאר זיי און וואס עס וועט זיי קאסטן דאס ווייניגסטע. זיי וועלן אייך העלפן איינשרייבן אינעם ריכטיגן פלאן דורך די ניו יארק סטעיט אוו העלט מארקעט פלעיס.

## טשיילד העלט פלאס

משפחות וואס האבן אביסל בעסערע פארדינסטן, העכער מעדיקעיד'ס מאקסימום אינקאם, קענען זיין בארעכטיגט איינצושרייבן זייערע קינדער אין די טשיילד העלט פלאס פראגראם, פאר אומזיסט אדער פאר גאר ביליגע פרייזן.

אונזער סטעף וועט אייך העלפן איבערקוקן אויב אייערע קינדער קוואליפיצירן פאר טשיילד העלט פלאס, און אויב זיי זענען בארעכטיגט וועלן זיי אייך העלפן אויספולן און אריינגעבן די אפליקאציע פאר אייך. ווי אויך קענט איר קומען צו אונז אין אפיס אויסצושטעלן און אריינגעבן די יערליכע רעסערטיפיקאציע.

Child Health Plus

## הילף און שתדלנות
## מיט אייער געזונטהייט דעקונג

דארפט איר הילף אויסצוקלויבן דעם ריכטיגן מעדיקעיד אדער אנדערע HMO פלאן? טוישן א HMO? זיך איינצושרייבן דרינגענד און שנעל אין דעם ריכטיגן פלאן צו דעקן קריטישע באהאנדלונגען?

אונזער סטעף האט די ערפארונג און שטייט גרייט אייך צו העלפן מאכן די ריכטיגע באשליסן. זיי וועלן אייך העלפן דורכגיין די פראצעדורן ווען און ווי אזוי צו טוישן אייער פלאן א.ד.ג. און וועלן שתדל'ען פאר אייך צו פארזיכערן אז איר באקומט די ריכטיגע דעקונג צו וואס איר זענט בארעכטיגט און עס איז געאייגנט פאר אייערע געזונטהייט געברויכן.

אונזער סטעף העלפט אויך די וואס האבן כראנישע קרענק, פיזישע באגרעניצונגען אדער קומען נאך אנדערע בארעכטיגונג קריטעריעס, צו אפלייען פאר דירעקט ('סטרעיט') מעדיקעיד.

## SNAP - פוד סטעמפס

מיר העלפן קליענטן זיך איינצושרייבן אדער רעסערטיפייען פאר פוד סטעמפס בענעפיטן. מיר זענען באשטעטיגט אנצונעמען און אריינצוגעבן די אפליקאציעס און די בייגעלייגטע דאקומענטן פאר HRA פאר באשטעטיגונג.

## דיסעביליטי בענעפיטן

אונזער אפיס העלפן מיט אפלייען פאר SSI פינאנציעלע הילף פאר ספעציעלע קינדער און ערוואקסענע וואס קומען נאך די פארשריפטן צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם.

מיר העלפן אויך זיך איינשרייבן אין SSDI פאר ערוואקסענע מענטשן וואס האבן געארבעט און קומען נאך די בארעכטיגונג פארשריפטן.

## פסח הילף

ווען עס קומט פסח, ווען משפחות מוטשען זיך צו דעקן די הויכע הוצאות החג, שטייען מיר גרייט - אין צוזאמענארבעט מיט די מעט קאונסיל - צו העלפן דעם ציבור מיט די הוצאות החג, דורכפירנדיג די גרעסטע יערליכע פסח חלוקה.

מיר העלפן אויך נויט-באדערפנדע משפחות מיט פסח וואוטשערס וואס מ'קען נוצן אין געשעפטן צו קויפן עסן, וואס ווערן צוגעשטעלט דורך מעט קאונסיל פאר די וואס שרייבן זיך אריין דערפאר (די צאל איז באַגרעניצט, און עס איז דא א באשטימטע צייט ווען מ'דארף אפלייען דערפאר, וואס ווערט דאן פובליצירט).

## הילף נאך א קריזיס ח"ו

אונזערע קריזיס אינטערווענשאן קעיס װארקערס שטייען גרייט צו העלפן ווען א משפחה ליידט פון א קריזיס ח"ו, א שווערע שריפה, איינער פון די משפחה איז ל"ע קראנק, אדער מ'פארלירט א דזשאב אדער אנדערע פינאנציעלע קאטעסטראפע.

דער שטאב וועט זיי העלפן פארשטיין און איינשרייבן אין די פראגראמען צו וועלכע זיי זענען בארעכטיגט, און וועט העלפן צושטעלן פינאנציעלע הילף, ווי אויך מאראלישע און גייסטישע הילף, און אנדערע סארט הילף צו העלפן איבערקומען דעם שווערן דורכגאנג און בעז"ה ארויסקומען שטערקער דערפון.

## הייצונג און יוטיליטיס הילף

במשך די ווינטער חדשים, קענען שוואכע אדער מעסיגע פארדינער זיך איינשרייבן אינעם HEAP פראגראם ביי HRA פארשטייער וואס קומען אראפ צו אונזער אפיס.

דער פראגראם העלפט ארויס מיט הונדערטער דאלארן צו באצאלן די הויכע הייצונג און אדער אנדערע יוטיליטי קאסטן. אויב האט איר א ווארענונג אז מ'וועט אייך אפהאקן די גאז און עלעקטריק קענט איר זיך אויך איינשרייבן פאר עמוירדזשענסי היע"פ.

מיר העלפן אויך אפלייען פאר הארט-שעיר, וואס העלפט צו באצאלן יוטיליטי בילס כדי מ'זאל קענען בלייבןווארים אין די ווינטער חדשים.

ווי אויך העלפן מיר זיך איינשרייבן פאר אין די עמפאווער ניו יארק פראגראם, צו מאכן דירות מער ענערגיע שפארזאם און רעדוצירן אייערע יוטיליטי בילס.

# פובליק און סובסידיזירטע האַוזינג

אונזער האַוזינג שטאַב העלפט איינוואוינער אין די פראדזשעקטס, מיטשעל לאמא דעוועלאפמענטס ווי קלעמענטע און בעדפארד גאַרדענס, און אנדערע אפארדעבל פראיעקטן, צו אפלייען פאר האוזינג בענעפיטן, און רעסערטיפייען און אויספולן די יערליכע פארעמס.

ווי אויך העלפן מיר פארזיכערן אז די רענטס ווערן נישט געהעכערט אומבארעכטיגט, און אראפנעמען אדער צולייגן איינוואוינער צו די ליעס ווען עס איז דא א טויש איבער ווער עס וואוינט אין די דירה. ווי אויך העלפן מיר באקעמפן עוויקשאנס אָדער רייט-סייזינג (דאָס הייסט ווערן געשיקט צו א קלענערע דירה), מיר שתדל'ען אז איינוואוינער זאלן באקומען די פארערכטונגען צו וואס זיי זענען בארעכטיגט, און צו פארזיכערן אז זיי האבן הייס וואסער, הייצונג, זיכערהייט און אנדערע עלעמענטארע באדינונגען, א.א.ז.וו.

# סעקשאַן 8

אונזער האוזינג אפטיילונג העלפט סעקשאן 8 געניסער וועלכע דינגען דירות אין פריוואטע דעוועלאפמענטס צו ווערן באשטעטיגט פאר סעקשאָן 8 (ווען עס קומט אן זייער רייע אויף די וועיטינג ליסטע אדער דורך העלפן מיט די טראנספער פראצעדור), און מיט די יערליכע רעסערטיפיקאציעס. ווי אויך העלפט מען מיט איינגעבן ענדערונגען אין ווער עס וואוינט אין די שטוב, באריכטן טוישונגען אין וויפיל מ'פארדינט, באנייען ליעסעס און ליעס טראנספערס.

מיר שתדל'ען אויך פאר סעקשאן 8 קליענטן צו פארזיכערן אז זיי פארלירן נישט די וואוטשער און אז זיי קענען זיך ערלויבן אן אנשטענדיגע דירה אדאנק די רענט הילף.

# פאַרזיכערן דירות קעגן לעד שעדליכקייטן

אין אַ ספעציעלן פראיעקט מיט די ניו יאָרק סיטי העלט דעפארטמענט, ארבעטן מיר צו פארשפרייטן אינפארמאציע און אויפקלערן איינוואוינער און לענדלארדס איבער די שעדליכקייטן פון לעד פעינט וואס קען זיך געפינען אין אלטע הייזער און די סכנות פון אנדערע פראדוקטן וואס ענטהאלטן לעד, און ווי אזוי זיך צו באשיצן פון די סכנות.

אונזערע לעד זיכערהייט קעיסווארקערס העלפן משפחות מיט זיי געבן אנווייזונגען ווי אזוי ריכטיג צו אדרעסירן לעד פראבלעמען. מיר העלפן אויך הויז אייגענטימער אפלייען פאר די פריימערי פריווענשאן פראגראם גרענטס וועלכע דעקן די קאסטן צו פאררעכטן לעד פעינט שעדליכקייטן אין אלטע הייזער.



# ווארקפארס דעוועלאפמענט

מיר שטעלן צו טרעינינגס צו העלפן איינוואוינער מצליח זיין אין טרעפן און אנהאלטן א פרנסה בעז"ה. די קלאסן שליסן אריין קורסן צו רעדן, ליינען, שרייבן און קאמיוניקירן אין ענגליש, און אויך קורסען אויסצולערנען אלגעמיינע קאמפיוטער קענטעניסן און די וויכטיגסטע אפיס פראגראמען ווי מייקראסאפטווארדס און עקסעל, ווי אויך די קוויק-בוקס בוקיעפינג פראגראם.

אונזער אויסוואל פון קלאסן פאר מענער און פרויען, שליסט אויך אריין קלאסן פאר ביזנעס אונטערנעמער וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך די היברו פרי לאון סאסייעטי. אויך האבן מיר אפגעהאלטן קלאסן פאר ריעל עסטעיט סעילס, אויטא קעד, פראפערטי און קעזשועלטי אינשורענס בראוקערעדזש, סי.די.על., עם.סי.עס.אי. קאמפיוטער פראגראמען, גרעפיק דעזיין און פראפעסיענאלע פאטאגראפיע.

אונזער קאריעריע קאונסלערס העלפן אויך קליענטן אידענטיפיצירן זייערע קעטעניסן און מעלות, זיי צו העלפן מאכן די ריכטיגע אויסוואלן וועלכע סארט פרנסה צו זוכן, און מיר העלפן אויך מיט טרעפן דזשאבס.






# פתוח קליינע ביזנעס הלוואות

**הייבט איר אן א נייע ביזנעס, אדער ווילט איר אויסברייטערן א קליינע אדער היים-ביזנעס און איר דארפט האבן געלט איבערצוקומען די ערשטע שוועריקייטן אדער צו דעקן די אויסברייטערונג?**

**מיר זענען צופרידן צו האבן געארבעט מיט די היברו פרי לאון סאסייעטי צו גרינדען דעם 'פתוח' הלוואה פראגראם, צו געבן פאר בארעכטיגטע ביזנעסער ביז $50,000 אינטערעסט-פרייע הלוואות וואס מ'קען צוריקצאלן צוביסלעך, צושפרייט אין פינף יאר. אדאנק די שותפות, האבן קליינע ביזנעסער ביים ציבור שוין באקומען 6.7 מיליאן דאלאר אין הלוואות אין די יארן זינט דער פראגראם האט זיך אנגעהויבן.**

**דער פתוח פראגראם שליסט אויך אריין דאס וואס דערפאלגרייכע ביזנעסלייט קוקן איבער אייער ביזנעס פלאן צי דאס איז קראנט, און וועלן אייך געבן עצות און אנווייזונגען ווי אזוי דאס קען פארבעסערט ווערן. עס שטעלט אויך צו אנדערע סארט הילף כדי צו קענען אנהייבן און אויסברייטערן אייער ביזנעס.**

## חינוך מיוחד הילף

אונזער אפיס האט א ספעשל עד קאארדינעיטאר וועלכע העלפט משפחות באקומען די נויטיגע הילף פון די דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן, דאס שליסט אריין ספיעטש, פיזיקעל און אָקיופּעישאָנעל טעראַפּיס און אַנדערע סערוויסעס פאַר קינדער אין ישיבות און פּריוואַטע שולעס. מיר העלפן די עלטערן מיט די אַפּליקאַציע פּראָצעדור, און עוועליועישאָנס באַשטעטיגונג פּראָצעדור, און ווען סערוויסעס ווערן פאַרשפּעטיגט אָדער צוריקגעוויזן שתדל'ען מיר פאַר זייערע רעכטן.

## לעגאַלע הילף קליניק

מיר האָבן א פּול-טיים לעגאַלע קליניק וועלכע העלפן קליענטן מיט נידריגע פאַרדינסטן מיט אַ רייע לעגאַלע סערוויסעס. דאָס שליסט אַריין אַדרעסירן אידענטיטעט גניבה אישוס, צושטעלן לעגאַלע הילף מיט בענעפיטן און האַוזינג אָנגעלעגנהייטן, ביז זיך פאַרבינדן מיט רעגירונג אַגענטורן צו פאַרטיידיגן די רעכטן פון קליענטן און אַדוואָקאַטירן פאַר קליענטן ווען זיי שטייען אויס קאָלעקשאָנס, און נאָך אַ רייע לעגאַלע הילף.



# אימיגראַציע הילף

מיר האבן אויך אַן אימיגראַציע סערוויסעס, וואָס שטעלט צו אומזיסטע אימיגראַציע הילף פאַר באַרעכטיגטע קליענטן, אונטער די אויפזיכט פון אונזער לעגאַלע קליניק. די סערוויסעס שליסט אַריין דאָס העלפן וויליאַמסבורגער איינוואוינער אויספולן און ריכטיג אַריינגעבן פאָרעמס צו פאַראייניגן פאַמיליע מיטגלידער מיט קרובים אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אָדער אַפּליקאַציעס צו צופּאַסן (אַדזשאַסטמענט) די אימיגראַציע שטאַטוס, סיטיזענשיפּ אַפּליקאַציעס און אַנדערע סערוויסעס.

מיר האַלטן אויך אָפּ אַן ענגליש און סיוויק קלאַס צו צוגרייטן אימיגראַנטן צו קענען דעם סיוויקס טעסט.

# עלטערע מענטשן
# און קריג איבערלעבער

זענט איר שוין נאנט צום רעטייערמענט עלטער און איר ווילט וויסן ווען צו אַפּלייען פאַר סאָשעל סעקיוריטי? דאַרפט איר הילף דורכאויס די אָפּען ענראָלמענט פעריאָדעס? דאַרפט איר הילף צו מאַכן אַ טויש אינמיטן דעם יאָר פון איין מעדיקעיר פלאַן צו אַן אַנדערע?

אונזער סטעף איז אייך גרייט צו העלפן. באַשטימט אַן אַפּוינטמענט מיט אונזער סיניאָר סטעף איבערצושמועסן בעפאָרשטייענדע רעטייערמענט אָדער פאַסן די ריכטיגע באַשליסן איבער אייער מעדיקעיר בענעפיטן ווען איר ווערט 65 יאָר אַלט. עס זענען פאַראַן אַ רייע קאָמפּליצירטע באַשליסן צו מאַכן, און די סטעף וועט אייך ערקלערן די אַלע אישוס מיט וואס דאס איז פארבינדן און וועלן אייך העלפן אויסוועלן די געזונטהייט פלענער וואָס זענען דאָס מערסטע געאייגנט פאַר אייך.

אויב האָט איר שוין רעטייערט און איר האָט שוין מעדיקעיר, איז אויך וויכטיג איר זאָלט זיין אינפאָרמירט צי איר קענט אפשר האבן אַ בעסערע אָדער שפּאָרזאַמערע געזונטהייט אינשורענס, און צי איר דאַרפט אפשר טוישן HMO פלענער.

עס איז אונז אויך א ספעציעלע זכי' צו העלפן די הונדערטער מלחמה איבערלעבער צווישן אונז, וועלכע האבן העלדיש צוריק אויפגעשטעלט און איבערגעפלאנצט דעם אייראפעער אידענטום אין וויליאמסבורג. אדאנק אונזער צוזאמענארבעט מיט די קלעימס קאנפערענץ - ווי אויך פאנדינג פון די האלאקאוסט אינציאטיוו דורך די סיטי קאונסיל און די דעפארטמענט אוו עידזשינג - קענען מיר זיי צושטעלן פארשידענע ספעציעלע הילף צו געניסן פון א שיבה טובה.

אונזער געטרייע סטעף קוקט אַרויס אייך צו העלפן מיט די דערמאנטע אישוס און סערוויסעס, צו פאַרזיכערן אַז איר מאַכט די בעסטע אויסוואַלן, און זיי וועלן אייך העלפן אַפּלייען פאַר די פּאַסיגע פּראָגראַמען און סערוויסעס.

פאָלגענד זענען די סערוויסעס מיט וואָס זיי וועלן אייך העלפן:

# סאשעל סעקיוריטי

דער באַשלוס ווען אָנצוהייבן צו נעמען סאָשעל סעקיוריטי קען זיין זייער קאָמפּליצירט, ווי אויך קען זיין שווער צו באַשליסן אויב מ'זאָל נעמען די אייגענע סאָשעל סעקיוריטי, אָדער זאל מען נעמען סאָשעל סעקיוריטי אויפ'ן חשבון פונעם מאַנ'ס אָדער די ווייב'ס אַרבעט יאָרן (אַ מאן/ווייב קען אויסקלויבן ספּאַוסעל בענעפיטן - וואָס דאָס גיט ביז 50 פּראָצענט פון די בענעפיטן צו וואָס די אַנדערע פּאָר ווערט זיין באַרעכטיגט ביי די רעטייערמענט). די באַשלוס זענען נישט בלויז וויכטיג צו פאַרזיכערן אַז איר באַקומט די מאַקסימום פון סאָשעל סעקיוריטי, נאָר קען אַמאָל אויך אַנטשיידן צי איר זענט באַרעכטיגט צו געוויסע געזונטהייט אינשורענסעס, און צומאָל קען אַ העכערע סאָשעל סעקיוריטי פּאַרדינסט באַדייטן אַז איר וועט פאַרלירן מעדיקעיד און אייערע געזונטהייט קאָסטן און פרימיומס וואָס איר וועט צוליב דעם דאַרפן צאָלן וועט זיין פיל מער ווי וויפיל איר פאַרדינט פון סאָשעל סעקיוריטי.

אונזער סיניאר סטעף איז העכסט געלערנט אין די אַלע אישוס. זיי שטייען גרייט אייך צו העלפן מאַכן די בעסטע אויסוואַלן, אַפּליייען פאַר די בענעפיטן און שתדל'ען אויב עס מאַכן זיך קאָמפּליקאַציעס אָדער אַנדערע אישוס וואָס האַלטן אייך אָפּ פון באַקומען די בענעפיטן.

איר האָט געאַרבעט דערפאַר! איר האָט ארייַנגעצאלט אין סאָשעל סעקיוריטי! עס קומט זיך אייך צו געניסן פון די מאַקסימום בענעפיטן!

# SSI

שוואַכע פאַרדינער וועלכע האָבן נישט גענוג סאָשעל סעקיוריטי קרעדיטן, קענען קוואַליפיצירן פאַר עס.עס. איי. וואס איז פינאַנציעלע הילף אויף דער עלטער. אונזער סטעף וועט אייך העלפן מיט די אַפּליקאַציע פּראָצעדור, באַנייען אייערע בענעפיטן, און וועט אַדוואָקאַטירן פאַר אייך ווען עס זענען פאַראַן ביוראָקראַטישע שטערונגען פון באַקומען די בענעפיטן.

## SSDI

די וואָס זענען געוואָרן דיסעיבעלד דורכאויס זייערע אַרבעטס יאָרן, קענען קוואַליפיצירן פאַר עס.עס.די.איי. - סאָשעל סעקיוריטי דיסעבילילטי אינשורענס. אונזערע שטאַב מיטגלידער וועלן אייך העלפן באַשליסן אויב איר זענט באַרעכטיגט דערפאַר, און אויב יאָ וועלן זיי אייך העלפן אויספולן די אַפּליקאַציע און זאַמלען די נויטיגע דאקומענטן, און וועט שתדל'ען פאַר אייך ווען נויטיג.

## קריג קאָמפּענסאַציע און רעסטיטוציע געלטער

קריג איבערלעבער אָדער די וואָס זענען געבוירן ביז ניין חדשים נאָך די קריג קענען קוואַליפיצירן פאַר פאָנדס וואָס זענען געצילט זיי צו העלפן. עס זענען דאָ עטליכע פאָנדס פאַר די סאָרט הילף, געוואָנדן לויט וואו מ'איז געווען ביי די קריג און אונטער וועלכע סאָרט אומשטענדן.

אונזער געטרייע האָלאָקאָוסט סטעף וועט אייך צושטעלן די נויטיגע אינפאָרמאַציע פאַר וועלכע הילף איר זענט באַרעכטיגט און וועט אייך העלפן אַפּלייען דערפאַר.

## פינאַנציעלע הילף

עלטערע מענטשן וואס דאַרפן האָבן הילף צו דעקן אַ ספּעציעלע הוצאה, ווי אַ נייע אַפּלייענס, מעדיצינישע סופּליי וואָס ווערט נישט געדעקט דורך מעדיקעיד, וויכטיגע איינרישונגען אין שטוב, קענען זיך פאַרבינדן מיט אונזער סטעף און מ'וועט פּרובירן צו שאַפן די נויטיגע הילף.

קריג איבערלעבער קענען אויך פאַרדינען פון מער פינאַנציעלע הילף צו דעקן מעדיקעל, דענטאַל אדער אנדערע וויכטיגע הויכע הוצאות.

# מעדיקעיר איינשרייבונגען, אנווייזונגען און אַדוואַקאַטירונג

אונזער געטרייע שטאב שטעלט צו פערזענליכע איבערשמועסונגען פאר די וואס קומען נאנט צו די רעטייערמענט יארן און מענטשן וואס זענען שוין 65 יאר, כדי זיי צו העלפן איבערקוקן די פארשידענע געזונטהייט אינשורענס פלענער וואס זענען עוועילעבל פאר זיי, און צו ערקלערן די מעלות און חסרונות פון יעדן פלאן און וויפיל יעדער פלאן וועט קאסטן. ווי אויך שתדל'ען מיר צו פארזיכערן די נויטיגע געזונטהייט באדינונגען, ווען עס פעלט אויס.

עס זענען דא עטליכע סארט מעדיקעירס: פּאַרט ע', בי', און אויך איז דאָ אַ ברירה פון פּאַרט סי. אונזער סטעף וועט אייך ערקלערן וואָס יעדע סאָרט מעדיקעיר דעקט, די קאָסטן דערפון, און אייך העלפן אַריינשרייבן אין די בעסטע פלענער לויט אייערע געברויכן, און אין די ריכטיגע צייטן כדי אויסצומיידן שפעטערע העכערע קאסטן.

# מעדיקעיד

עלטערע מענטשן וועלכע האָבן נידריגע פאַרדינסטן קענען אויך קוואַליפיצירן פאַר מעדיקעיד, וואָס דעקט זייער אַסאַך מעדיצין קאָסטן וואָס מעדיקעיר דעקט בלויז טיילווייז אָדער דעקט אינגאַנצן נישט.

מעדיקעיד איז אויך ספּעציעל וויכטיג פאַר די וואָס דאַרפן לאַנג טוירם קעיר (צום ביישפּיל, זיי דאַרפן אַריין אין אַ רעהביליטאַציע פאַר אַ לענגערע צייט). עס דעקט אויך קאָ-פּעיס און אַנדערע קאָסטן וואָס בלייבט איבער נאָך מעדיקעיר. די וואָס האָבן מעדיקעיד, קענען אויך קוואַליפיצירן פאַר די "מעדיקעיר סעיווינגס פּראָגראַם" וואָס קען העלפן צאָלן די פּרימיומס וואָס מ'דאַרף צאָלן פאַר מעדיקעיר.

אויב איר זענט בארעכטיגט, וועט אונזער שטאב אייך בעז"ה העלפן איינשרייבן אין מעדיקעיד און די אנדערע פּראָגראַמען וואָס זענען עווילעבל פאַר מעדיקעיד געניסער.

# מעדיקעיר סופּלעמענט אינשורענס

די וואס קוואליפיצירן נישט פאר מעדיקעיד, צוליב האבן פארדינסטן וואס איז עטוואס העכער פון די מעדיקעיד מאקסימום אינקאם, האבן אויך עצות ווי אזוי צו קענען זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד. אונזער סטעף וועט אייך העלפן דערמיט. צום ביישפיל, צומאל קענט איר קויפן א מעדיקעיר סופּלעמענט אינשורענס, און די פּרימיום ווערט אראפגערעכנט פון אייערע פארדינסטן.

אונזער סטעף קען אייך אויך העלפן מיט ספּענד-דאונס און פּול-טראָסטס, וואָס קען אייך העלפן צו קוואליפיצירן פאַר מעדיקעיד.

# פאַרט די. און נאך אינשורענס פאר מעדיצין קאסטן

סיניארס דארפן צוקומען צו אסאך קאסטבארע מעדיצין, און נישט אלע ווערן געדעקט דורך אלע מעדיקעיר פאַרט די. פלענער. ס'איז אַ שווערע אויפגאַבע אויסצורעכענען די בענעפיטן און קאסטן פון יעדן פלאַן, צו באַשליסן וועלכע פלענער וועט זיך דאָס מערסטע לוינען.

אונזערע קעיסווארקערס זענען ספעציעל געלערנט צו קענען איבערקוקן יעדן קליענט'ס מעדיצינען, צו באַשטימען וועלכע פלענער זענען געאייגנט פאַר יעדן אינדיווידועלן קליענט אָדער משפחה. זיי שטייען גרייט אייך צו ערקלערן די פאַרשידנארטיקייט פון די פלענער, און אייך צו העלפן איינשרייבן אין א פלאן וואס וועט אמבעסטן דינען אייערע פערזענליכע געברויכן. זיי וועלן אויך העלפן מיט זיך איינשרייבן און באנייען די פלענער.

אונזער סטעף וועט אויך אייך העלפן באשליסן אויב איר דארפט קויפן א צוגאב מעדיצין אינשורענס פלאן, א שטייגער ווי EPIC.

במשך די יערליכע מעדיקעיר פאַרט די. אָפּען ענראָלמענט פעריאָדע, מאַכט זיכער זיך צו פאַרבינדן מיט אונזער סטעף פאַר אַ פערזענליכע אַפּוינטמענט איבערצוגיין אייער פלאַן און זען אויב עס וועט ווייטער נאָכקומען אייערע געברויכן דעם קומענדיגן יאָר. אויב נישט, וועלן זיי אייך העלפן אויסקלויבן און זיך אריינשרייבן אינעם ריכטיגן פלאַן.

## קעיס מענעדזשמענט

אונזער געטרייע האָלאָקאוסט סערוויסעס סטעף באדינט קריג איבערלעבער מיט א שטארקע געטריישאפט, צושטעלנדיג קעיס מענעדזשמענט וואס קוקט איבער אלע זייערע געזונטהייט, פינאנציעלע און פערזענליכע געברויכן און העלפט זיי ארויס דערמיט, און שטייט אין פארבינדונג מיט די איבערלעבער כדי זיי צו העלפן פארזיכערן א באקוועם לעבן און שיבה טובה.

## האום קעיר

מעדיקעיד געניסער וואס זענען שוואך און דארפן הילף זיך צו באדינען, קענען זיין בארעכטיגט פאר האום קעיר אונטער מעדיקעיד'ס סי.די.פּעפּ אדער אַנדערע געזונטהייט פלענער. אונזער סטעף וועט אייך העלפן מיט די אפּליקאַציע פּראָצעדור און צו באַקומען די פּאַסיגע הילף בעז"ה, און וועט אַדוואָקאַטירן צו פאַרזיכערן אַז זיי באַקומען די נויטיגע באַהאַנדלונגען.

## האוז קיעפּינג / האָום קעיר פאר קריג איבערלעבער

קריג איבערלעבער וועלכע באקומען שוין די אלע האום קעיר שעות צו וואס זיי זענען בארעכטיגט, קענען אויך באקומען צוגאב שעות פאר האומקעיר און צו העלפן מיט די הויז ווירטשאפט.

רעדט צו אונזער סטעף אויב איר זענט בארעכטיגט פאר נאך שעות, און זיי וועלן ארבעטן אי"ה צו צושטעלן געטרייע געהילפן.

## מיעלס אן ווהיעלס

עס ווערן אַרויסגעשיקט ספעציעלע נאָרהאַפטיגע מאָלצייטן און פעקלעך עסן פאַר עלטערע מענטשן צו קענען זיך שפייזן געזונטערהייט. די סערוויס גייט דורך אַ וועיטינג ליסטע, און די צאָל סלאָטס זענען באַגרעניצט.

## העלט פּראַקסי/ פּאַוער אָוו אַטוירני

די יו.דזשעי.אָ. העלפט עלטערע מענטשן אָפּיציעל צו באַשטימען אַ העלט פּראַקסי, וואָס זאָל קענען מאַכן מעדיצינישע באַשליסן פאַר זיי אויב עס וועט אויספעלן; ווי אויך העלפט מען שטעלן אַ פּאַוער אָוו אַטוירני וואָס זאָלן קענען מאַכן באַשליסן פאַר זיי ביי רעגירונג פּראָגראַמען און נאָך, ווען זיי וועלן דאַרפן איינער זאָל זיי פאַרטרעטן.

## טראַנספּאָרטאַציע

מיר העלפן אַפּלייען און אַראַנזשירן טראַנספּאָרטאַציע פאַר מעדיצינישע אַפּוינטמענטס און אַנדערע געברויכן. די צאָל טריפּס זענען באַגרעניצט. אונזער סטעף וועט אייך ערקלערן צו וואָס איר זענט באַרעכטיגט. עס איז אויך דא באזונדערע טראַנספּאָרטאַציע סערוויסעס פאַר קריג איבערלעבער.

## עסן פּעקלעך פאר קריג איבערלעבער

בעפאר ימים טובים און ספעציעלע זמנים שיקן מיר ארויס ספעציעלע פעקלעך מיט מאכלי יום טוב א.ד.ג. אויפצולעבן דעם יום טוב אדער דעם ספעציעלן זמן.

## ספּעציעלע פאַרברענגען

מיר שטעלן צו פון צייט צו צייט פארברענגען און שפאצירן, דאס שליסט אריין א יערליכע לאנטשען מיט רעדנער א.ד.ג. צו הייבן די געמיטער. ווי אויך שטעלן מיר גאר אינטערעסאנטע אויספלוגן און אנדערע אקטיוויטעטן, וואס ברענגט צוזאם די איבערלעבער און העלפט זיי זיך אויפפרישן.




**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**

UNITED JEWISH ORGANIZATIONS
of Williamsburg and North Brooklyn
32 Penn Street
Brooklyn, NY 11249

Presort Std
U.S. Postage
Paid
Brooklyn, NY
Permit # 523

